NYC Health

# ניו יארק סיטי דעפּאַרטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע
# באַקאַנטמאַכונג פון פּריוואַטקייט שריט

אין קראַפט פון יולי 20, 2021

די באַקאַנטמאַכונג ערקלערט וויאַזוי מעדיצינישע אינפאָרמאַציע איבער אייך קען גענוצט ווערן און אַרויסגעגעבן ווערן, און וויאַזוי איר קענט צוקומען צו די אינפאָרמאַציע. ביטע לייענט דאָס דורך פאַרזיכטיג.

אויב האָט איר פראַגן, פאַרבינדט אייך מיט דעם קליניק דירעקטאָר אָדער מיט די פעסיליטי'ס העלט סערוויסעס מענעדזשער. איר קענט זיך אויך פאַרבינדן מיטן טשיף פּרייוועסי אָפיסער פון די ניו יארק סיטי דעפּאַרטמענט פון געזונט און גייסטישע היגיענע (NYC העלט דעפּאַרטמענט) אויף 347-396-6007 אָדער ביי **PrivacyOfficer@health.nyc.gov**.

באַשיצטע געזונטהייט אינפאָרמאַציע (protected health information, PHI) איז אַ מענטשן'ס געזונטהייט אינפאָרמאַציע וואָס ווערט מיטגעטיילט מיט די מויל, אין שריפט אָדער עלעקטראָניש. עס רעכנט אַריין כללות'דיגע אינפאָרמאַציע (ווי אייער עלטער, אַדרעס און אימעיל) און אינפאָרמאַציע איבער אייער פיזישע אָדער גייסטישע געזונטהייט. PHI רעכנט אויך אַריין אינפאָרמאַציע איבער די העלט קעיר סערוויסעס וואָס איר האָט באַקומען און די באַצאָלונג פאַר די סערוויסעס. די NYC העלט דעפּאַרטמענט באַשיצט די פּריוואַטקייט פון PHI דורכן אויספאָלגן אַלע באַטרעפנדע געזעצן, תקנות און רעגולאַציעס.

די באַקאַנטמאַכונג ווערט צוגעשטעלט פאַר אייך אַלץ טייל פון די העלט אינשורענס אַריבערפירונג און פאַראַנטוואָרטליכקייט געזעץ פון 1996 (Health Insurance Portability and Accountability Act, HIPAA). די באַקאַנטמאַכונג שילדערט וויאַזוי די NYC העלט דעפּאַרטמענט קען נוצן און אַרויסגעבן (אָדער מיטטיילן) אייער PHI און וויאַזוי עס איז באַשיצט. די באַקאַנטמאַכונג ערקלערט אויך אייערע רעכטן און די NYC העלט דעפּאַרטמענט'ס פאַראַנטוואָרטליכקייטן ביים נוצן און מיטטיילן אייער PHI.

## פאַר וועם איז די באַקאַנטמאַכונג

די NYC העלט דעפּאַרטמענט ווערט פאַררעכנט צו זיין אַן אויסגעמישטע קערפּערשאַפט אונטער HIPAA וויבאַלד זי שטעלט צו סיי העלט קעיר סערוויסעס און סיי פּובליק געזונטהייט סערוויסעס. העלט קעיר סערוויסעס זענען געדעקט דורך HIPAA, אָבער פּובליק געזונטהייט סערוויסעס זענען נישט.

די באַקאַנטמאַכונג גייט אַרויף אויף די העלט קעיר סערוויסעס וועלכע זענען געדעקט דורך HIPAA. די פאַראַנטוואָרטליכקייטן אין די באַקאַנטמאַכונג זענען אויף אַלע NYC העלט דעפּאַרטמענט איינגעשטעלטע וועלכע זענען ערלויבט צו נוצן אָדער מיטטיילן אייער PHI.

## NYC העלט דעפּאַרטמענט פאַראַנטוואָרטליכקייטן

אונטער די געזעץ, דאַרפן NYC העלט דעפּאַרטמענט קליניקס:

- האַלטן אייער PHI פּריוואַט און פאַרזיכערט
- אייך לאָזן וויסן איבער אונזערע לעגאַלע פאַראַנטוואָרטליכקייטן און איבער אונזערע פּריוואַטקייט שריט ביים נוצן און מיטטיילן אייער PHI

## פּריוואַטקייט געזעצן

עטליכע פעדעראַלע, סטעיט און סיטי פּריוואַטקייט געזעצן האָבן מער באַגרענעצונגען איבער דאָס באַנוץ און מיטטיילונג פון PHI. די געזעצן גייען אַרויף אויף דראַג אַביוז באַהאַנדלונג, HIV/AIDS טעסטינג און באַהאַנדלונג, טעסטינג און

באהאנדלונג פון אינפעקציעס וואס גייען אריבער צווישן פארטנערס און גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג.NYC  העלט דעפארטמענט פאליסיס און די באקאנטמאכונג פאלגן אויס די געזעצן.

**וויאזוי די NYC העלט דעפארטמענט קען נוצן און מיטטיילן אייער PHI**

**<u>ווען די NYC העלט דעפארטמענט מוז מיטטיילן אייער PHI</u>**
אונטער די געזעץ מוז די NYC העלט דעפארטמענט מיטטיילן אייער PHI מיט אייך חוץ אויב א העלט קעיר פראפעסיאנאל זאגט אז טוהן אזוי וועט זיין שעדליך צו אייער געזונט.

אויב פארלאנגט, מוז די NYC העלט דעפארטמענט אויך מיטטיילן אייער PHI מיט די סעקרעטאר פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אָוו העלט ענד היוּמען סערוויסעס דורכאויס אויספארשונגען איבער וויאזוי מיר פאלגן אויס די געזעצן וועלכע באשיצן אייער PHI.

**<u>באהאנדלונג</u>**
די NYC העלט דעפארטמענט קען נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI, אריינרעכענענדיג רעקאמענדאציעס פון א דאקטאר, אייך צו צושטעלן באהאנדלונגען אדער סערוויסעס וואס איר דארפט.

**<u>באצאלונג</u>**
אייער PHI וועט גענוצט ווערן ווען און וויפיל נויטיג צו איינמאנען און באקומען באצאלונג פאר באהאנדלונגען און סערוויסעס צוגעשטעלט צו אייך. די NYC העלט דעפארטמענט קען אויך מיטטילן אינפארמאציע איבער אייער באהאנדלונג מיט אייער העלט אינשורענס פלאן (אריינרעכענענדיג מעדיקעיד) אדער מיט א מענעדזשד קעיר ארגאניזאציע צו באקומען באשטעטיגונג צו באצאלט ווערן.

**<u>העלט קעיר אקטיוויטעטן</u>**
די NYC העלט דעפארטמענט: קען נוצן און מיטטיילן אייער PHI פאר רעגלמעסיגע העלט קעיר אקטיוויטעטן. העלט קעיר אייגעשטעלטע וועלן נוצן אייער PHI צו איבערקוקן די קעיר וואס איר האט באקומען און די העלט קעיר תוצאות כדי זיי צו פארגלייכן מיט אנדערע. צום ביישפיל, אייער PHI קען איבערגעקוקט ווערן פאר טרענירונג, צו פארזיכערן פון ריזיקעס, אדער צו העלפן פארבעסערן די קוואליטעט און ווירקזאמקייט פון די קעיר און סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו.

די NYC העלט דעפארטמענט וועט מיטטיילן אייער PHI מיט דריטע-פארטיי ביזנעס מיטארבייטער וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר די אגענטור, ווי צום ביישפיל איינמאנען באצאלונג. ביזנעס מיטארבייטער וועלן אויך געפאדערט זיין צו באשיצן אייער PHI.

די NYC העלט דעפארטמענט וועט מעגליך אראפנעמען סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע כדי אייער PHI זאל קענען גענוצט ווערן צו שטודירן העלט קעיר און סערוויסעס אן צו ארויסגעבן ווער איר זענט.

**<u>אפוינטמענט דערמאנונגען</u>**
די NYC העלט דעפארטמענט קען אויך נוצן און מיטטיילן אייער PHI צו שיקן אפוינטמענט דערמאנונגען. די דערמאנונגען וועלן נישט ארויסגעבן די סיבה פאר אייער העלט קעיר באזוך.

**<u>פעדעראלע, סטעיט און סיטי רעגירונג פאדערונגען</u>**
די NYC העלט דעפארטמענט וועט מיטטיילן אייער PHI ווען עס איז געפאדערט דורך א פעדעראלע, סטעיט אדער סיטי געזעץ, תקנה אדער רעגולאציע.

**<u>פובליק געזונטהייט אקטיוויטעטן</u>**
די NYC העלט דעפארטמענט וועט מעגליך מיטטיילן אייער PHI מיט סיי וועלכע פובליק געזונטהייט אגענטור וועלכע קען לעגאל באקומען PHI פאר פובליק געזונטהייט נאכפאלגונג **אדער** צו פארמיידן אדער קאנטראלירן קראנקייט,

פארוואונדעט ווערן אדער דיסעביליטי. דאס רעכנט אריין קראנקייט, געבורט אדער טויט באריכטן.

## טשיילד אביוז

די NYC העלט דעפארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI מיט סיי וועלכע רעגירונג אויטאריטעט וועלכע קען לעגאל באקומען טשיילד אביוז באריכטן.

## געזונטהייט אויפזיכט

די NYC העלט דעפארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI מיט סיי וועלכע געזונטהייט אויפזיכט אגענטור פאר די צוועק פון לעגאלע אקטיוויטעטן (ווי צום ביישפיל אוידיטס, אויספארשונגען, אינספעקציעס און לייסענסירונגען) וועלכע פאלגן נאך די העלט קעיר סיסטעם, רעגירונג בענעפיט פראגראמען, אנדערע רעגירונג רעגולאטארישע פראגראמען און ציווילע רעכטן געזעצן.

## עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA)

די NYC העלט דעפארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI מיט סיי וועלכע מענטש אדער פירמע געפאדערט דורך די FDA כדי צו:

- באריכטן פראדוקט פעלער, נעגאטיווע רעאקציעס אדער פראבלעמען
- באריכטן ביאלאגישע פראדוקט ענדערונגען
- נאכפאלגן פראדוקטן
- צוריקרופן פראדוקטן
- מאכן פאררעכטונגען אדער ערזאצן
- דורכפירן נאכן-פארקויפן נאכפאלגונג

## לעגאלע פראצעדורן

די NYC העלט דעפארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI אין אנטווארט צו סיי וועלכע געריכט אדער אדמיניסטראטיווע באפעל אויב איר זענט פארמישט אין א געריכט קלאגע אדער אין אן אנדערע לעגאלע געפעכט. מיר קענען אויך מיטטילן אייער PHI אין אנטווארט צו סיי וועלכע סובפינע, אנטדעקונג פארלאנג אדער אנדערע לעגאלע פראצעדור דורך אייינעם אנדערש אין די געפעכט, אבער נאר אויב איר זענט איינגעמאלדן געווארן איבער די פארלאנג.

## געזעץ אינפארסירונג

די NYC העלט דעפארטמענט וועט מעגליך מיטטיילן PHI אויב געבעטן דורך געזעץ אינפארסירונג אינסטאנצן:

- אין אנטווארט צו סיי וועלכע געריכט באפעל, סובפינע, ווארענט, סאָמאנס אדער ענליכע פראצעדור
- צו אידענטיפיצירן אדער טרעפן א פארדעכטיגטע, אנטלאפענע, עדות אדער פעלנדע מענטש
- צו לערנען איבער איינער וואס האט געליטן פון א פארברעך אויב מיר קענען נישט באקומען דעם מענטשן'ס צושטימונג
- צו לערנען איבער א טויט וואס מיר גלויבן אז עס איז מעגליך געשעהן צוליב א פארברעך
- צו לערנען איבער א פארברעך וואס איז געשעהן אין איינע פון אונזערע קליניקס
- אין פאל פון עמערדזשענסי, צו באריכטן א פארברעך אדער צו לערנען:
  - וואו א פארברעך איז פארגעקומען אדער וואו די מענטשן וואס זענען די קורבנות פון די פארברעך קענען געפונען ווערן
  - ווער עס האט געטוהן די פארברעך אדער וואו זיי קענען געפונען ווערן

## קאראנערס, לוויה אנפירער און איברים ביישטייערונגען

די NYC העלט דעפארטמענט קען מיטטיילן PHI מיט א קאראנער אדער מיט א מעדיקעל עקזעמינער צו אידענטיפיצירן א טויטע מענטש אדער אויסצוגעפונען וויאזוי א מענטש איז געשטארבן. מיר קענען אויך ארויסגעבן PHI פאר לוויה אנפירער זיי צו העלפן אויספירן זייער ארבעט, וויפיל ערלויבט דורך די געזעץ.PHI קען אויך גענוצט ווערן און מיטגעטיילט ווערן פאר די צוועק פון איברים ביישטייערונגען.

**<u>פארשונג</u>**
צומאל וועט די NYC העלט דעפּארטמענט מעגליך נוצן און מיטטיילן אייער PHI צו דורכפירן פארשונג. די פארשונגען מוזן קודם באשטעטיגט ווערן דורך די NYC העלט דעפּארטמענט'ס אינסטיטוציאנאלע איפּזיכט באָורד און אויספאלגן אלע באטרעפנדע געזעצן, תקנות און רעגולאציעס.

**<u>צוטריט פון עלטערן</u>**
געוויסע סטעיט געזעצן באשטימען וועלכע PHI קען מיטגעטיילט ווערן מיט עלטערן און לעגאלע גאַרדיענס. די NYC העלט דעפּארטמענט וועט אויספאלגן אלע באטרעפנדע געזעצן.

**<u>ארבייטער'ס פארגוטיגונג</u>**
די NYC העלט דעפּארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI כדי אויסצופאלגן סיי וועלכע ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעצן אדער ענליכע פראגראמען וועלכע גיבן בענעפיטן פאר מענטשן וועלכע זענען פארוואונדעט אדער קראנק געווארן פאראורזאכט דורך די ארבעט.

**<u>קרימינאלע אקטיוויטעט</u>**
אונטער געוויסע פעדעראלע און סטעיט געזעצן קען די NYC העלט דעפּארטמענט מיטטיילן אייער PHI אויב מיר גלויבן אז דאס באנוץ אדער מיטטיילונג דערפון וועט פארמיידן אדער פארמינערן אן ערנסטע און באלדיגע סכנה צו די פובליק אדער צו א מענטשן'ס געזונטהייט אדער זיכערהייט. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייער PHI אויב עס איז נויטיג צו העלפן די געזעץ אינפארסירונג אינסטאנצן צו אידענטיפיצירן אדער ארעסטירן איינעם.

**<u>ארעסטאנטן</u>**
די NYC העלט דעפּארטמענט קען מיטטיילן ארעסטאנטן'ס PHI מיט זייער טורמע פעסיליטי אדער די איינגעשטעלטע דארט, אויב עס איז נויטיג פאר די געזונטהייט אדער זיכערהייט פון זיי און אנדערע.

**<u>מיליטער אקטיוויטעט און וועטעראנען</u>**
אויב איר זענט א מיטגליד פון די מיליטער, קען די NYC העלט דעפּארטמענט מיטטיילן אייער PHI ווי געפאדערט דורך מיליטער פירערשאפט אויטאריטעטן. מיר קענען אויך מיטטיילן אייער PHI איבער אויסלענדישע מיליטער מיטגלידער פאר פאסיגע אויסלענדישע מיליטער אויטאריטעטן.

**<u>נאציאנאלע זיכערהייט און שפיאנאזש</u>**
די NYC העלט דעפּארטמענט קען מיטטיילן אייער PHI מיט אויטאריזירטע פעדעראלע אינסטאנצן פאר שפיאנאזש, קעגן פיינטליכע שפיאנאזש און פאר אנדערע נאציאנאלע זיכערהייט אקטיוויטעטן וויפיל ערלויבט דורך די געזעץ. מיר קענען אויך מיטטיילן אייער PHI מיט פעדעראלע אינסטאנצן כדי זיי זאלן קענען דורכפירן ספעציעלע אויספארשונגען אדער באשיצן דעם פרעזידענט, אנדערע אויטאריזירטע מענטשן אדער אויסלענדישע פירער.

**<u>מענטשן פארמישט אין אייער העלט קעיר</u>**
חוץ אויב איר באשטעטיגט עס נישט, וועט די NYC העלט דעפּארטמענט קענען נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI צו לאזן וויסן פאר א פאמיליע מיטגליד אדער פערזענליכע פארטרעטער וואו איר זענט און אייער געזונט צושטאנד. אויב זענט איר אנוועזן, וועט איר קענען פארבאטן דאס באנוץ אדער מיטטיילונג פון אייער PHI. אויב איר קענט נישט מאכן באשלוסן אדער אין פאל פון עמערדזשענסי, קענען מיר נוצן אייער PHI וויאזוי מיר גלויבן אז עס איז די בעסטע פאר אייך.

**<u>אייערע רעכטן מיט אייער PHI</u>**
באטש אייער העלט רעקארד איז אייגנטום פון די NYC העלט דעפּארטמענט, איז די אינפארמאציע אייערס. פאלגנד זענען אייערע רעכטן מיט אייער PHI. איר קענט ארייגעבן סיי וועלכע פון די פאלגנדע פארלאנגען אין שריפט צו דעם קליניק דירעקטאר, העלט סערוויסעס מענעדזשער אדער איינער וועם זיי האבן באשטימט:

**רעכט צו אונטערזוכן און קאפירן**: אייער PHI ווערט געהאלטן אין אן "דעזיגנירטע רעקארד סעט" און קען גענוצט ווערן צו

מאכן באשלוסן איבער אייער העלט קעיר. די דעזיגנירטע רעקארד סעט רעבכנט געוועגטליך אריין מעדיצינישע און באצאלונג רעקארדס. איר האט די רעכט צו איבערקוקן און באקומען די אינפארמאציע אזוי לאנג וואס די NYC העלט דעפארטמענט האלט עס ביי זיך. די רעכט גייט נישט ארויף אויף:

- פסיכאטעראפישע נאטיצן
- אינפארמאציע צוזאמגעשטעלט צו גענוצט ווערן אדער פאטענציאל צו גענוצט ווערן אין א ציווילע, קרימינאלע אדער אדמיניסטראטיווע שריט אדער פראצעדור
- PHI צו וואס די געזעץ פארמיידט צוטריט

די NYC העלט דעפארטמענט קען צוריקווייזן אייער פארלאנג צו איבערקוקן און באקומען אייער געזונטהייט אינפארמאציע אין געוויסע אומשטענדן. אויב איר ווערט צוריקגעוויזן צוטריט צו אייער געזונטהייט אינפארמאציע, קענט איר זיך פארבינדן מיטן טשיעף פריוועסי אפיסער צו פארלאנגען אז די באשלוס זאל איבערגעקוקט ווערן.

**רעכט צו פארלאנגען ענדערונג**: אויב איר גלויבט אז די געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן איבער אייך איז נישט ריכטיג אדער נישט פולשטענדיג, קענט איר אונז בעטן עס צו ענדערן (טוישן אדער צולייגן) די אינפארמאציע. איר האט די רעכט צו פארלאנגען אן ענדערונג אזוי לאנג וואס די NYC העלט דעפארטמענט האלט אייער געזונטהייט אינפארמאציע ביי זיך. די NYC העלט דעפארטמענט קען צוריקווייזן אייער פארלאנג אויב עס איז נישט אין שריפט אדער אויב עס האט נישט קיין גילטיגע סיבה. מיר קענען אויך צוריקווייזן אייער פארלאנג אויב איר בעהט אונז צו ענדערן אינפארמאציע וואס:

- איז נישט אריינגעלייגט געווארן דורך די NYC העלט דעפארטמענט, חוץ אויב דער מענטש אדער קערפערשאפט וואס האט אריינגעלייגט די אינפארמאציע קען נישט מאכן די ענדערונג
- איז נישט טייל פון די געזונטהייט אינפארמאציע געהאלטן דורך אדער פאר די NYC העלט דעפארטמענט
- איז נישט טייל פון די אינפארמאציע וואס איר זענט ערלויבט צו איבערקוקן און באקומען
- איז ריכטיג און פולשטענדיג

**רעכט צו באקומען מעלדונג פון אן אריינברעך**: די NYC העלט דעפארטמענט מוז אייך שנעלערהייט לאזן וויסן אויב די פריוואטקייט אדער זיכערהייט פון אייער אינפארמאציע איז אנגערירט געווארן.

**רעכט צו א חשבון פון ארויסגעגעבענע אינפארמאציע**: א חשבון פון ארויסגעגעבענע אינפארמאציע איז א ליסטע פון מענטשן און קערפערשאפטן מיט וועם מיר האבן מיטגעטיילט אייער PHI. די ליסטע רעכנט נישט אריין אינפארמאציע וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פאר באהאנדלונג, באצאלונג אדער העלט קעיר צוועקן ווי ערקלערט אין די באקאנטמאכונג אדער געוויסע אנדערע ארויסגעגעבענע אינפארמאציע (צום ביישפיל סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איר האט אונז געבעטן ארויסצוגעבן). איר האט די רעכט צו אזא חשבון פון ארויסגעגעבענע אינפארמאציע פון PHI פאר ביז זעקס יאר בעפאר די דאטום פון אייער פארלאנג.

**רעכט צו פארלאנגען באגרעניצונג**: איר האט די רעכט צו פארלאנגען א באגרעניצונג אויף די PHI וואס מיר נוצן אדער טיילן מיט איבער אייך פאר באהאנדלונג, באצאלונג אדער העלט קעיר צוועקן. איר האט אויך די רעכט צו פארלאנגען א באגרעניצונג אויף די PHI וואס מיר טיילן מיט איבער אייך מיט איינעם וואס איז פארמישט אין אייער העלט קעיר אדער אין די באצאלונג פאר אייער העלט קעיר. מיר מוזן נישט צושטימען צו אייער פארלאנג.

אויב איר באצאלט אינגאנצן פאר א סערוויס אדער העלט קעיר פראדוקט מיט אייער אייגענע געלט, קענט איר אונז בעטן נישט צו מיטטיילן אייער אינפארמאציע מיט אייער העלט אינשורענס פירמע פאר באצאלונג אדער העלט קעיר צוועקן. מיר וועלן צושטימען צו אייך חוץ אויב מיר זענען געפאדערט דורך די געזעץ צו מיטטיילן די אינפארמאציע.

**רעכט צו פארלאנגען געהיימע קאמיוניקאציע**: איר קענט פארלאנגען אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך נוצנדיג אלטערנאטיווע מיטלען אדער ביי אן אלטערנאטיווע פלאץ צו באשיצן אייער פריוואטקייט. צום ביישפיל, איר קענט אונז בעטן זיך צו פארבינדן מיט אייך ביי אייער ארבעט אדער דורך די פאסט. איר קענט אויך בעטן אז מיר זאלן אייך שיקן אינפארמאציע אין די פאסט אין א פארמאכטע קאנווערט אנשטאט אלץ א פאסטקארטל.

אויב איר ווילט אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך פריוואט, זאלט איר שיקן א געשריבענע פארלאנג צו דעם קליניק דירעקטאר אדער צו איינער וועם זיי האבן באשטימט. אייער פארלאנג מוז זאגן וויאזוי אדער וואו איר ווילט אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך. אויב איר באקומט סערוויסעס ביי מער פון איין קליניק, מוזט איר מאכן א פארלאנג פאר יעדע איינס באזונדער.

**רעכט צו אויסוועלן איינעם אייך צו פארטרעטן**: אויב איר האט געגעבן פאר איינעם די מעדיצינישע פאווער אָוו אטורני (די כוח צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אויב איר קענט נישט) אדער אויב איינער איז אייער לעגאלע גאַרדיען, קענען זיי מאכן באשלוסן איבער אייער PHI פאר אייך.

**רעכט צו באקומען א קאפיע פון די באקאנטמאכונג**: איר קענט פארלאנגען א פאפירענע קאפיע פון די באקאנטמאכונג אין יעדע צייט. פארבינדט אייך מיטן קליניק דירעקטאר, מיטן העלט סערוויסעס מענעדזשער אדער מיטן טשיעף פרייוועסי אפיסער אויף 347-396-6007.

**ערלויבעניש צו נוצן PHI**

HIPAA פאדערט פון אונז צו באקומען אייער ערלויבעניש אין שריפט צו נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI פאר:

- מארקעטינג צוועקן
- פארקויפן אייער אינפארמאציע (עס איז די פאליסי פון די NYC העלט דעפארטמענט **נישט** צו פארקויפן אייער PHI)
- רוב מאל ביים ארויסגעבן פסיכאטעראפישע נאטיצן

די NYC העלט דעפארטמענט וועט בעטן אייער ערלויבעניש אין שריפט צו נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI פאר סיבות וועלכע זענען נישט גערעקט אין די באקאנטמאכונג אדער אין געזעצן וועלכע גייען ארויף אויף אונז. אויב גיבט איר אונז ערלויבעניש צו נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI, קענט איר צוריקציהען די ערלויבעניש אין שריפט אין יעדע צייט. אויב ציהט איר צוריק, וועט די NYC העלט דעפארטמענט מער נישט נוצן אדער מיטטיילן אייער PHI פאר די צוועקן אויסגערעכנט איין אייער געשריבענע ערלויבעניש. מיר קענען נישט צוריקדרייען סיי וועלכע אינפארמאציע וואס מיר האבן שוין ארויסגעגעבן מיט אייער ערלויבעניש וואס מיר זענען פארלאנגט צו האלטן.

**ענדערונגען צו די באקאנטמאכונג**

מיר קענען ענדערן אונזערע פריוואטקייט שריט און די באקאנטמאכונג. מיר קענען אויך מאכן ענדערונגען צו די באקאנטמאכונג וועלכע וועלן אויך ארויפגיין אויף PHI וואס מיר האבן שוין איבער אייך פון פריער און אזוי אויך סיי וועלכע אינפארמאציע וואס מיר וועלן מעגליך באקומען אין די צוקונפט.

מיר וועלן פארעפענטליכן א קאפיע פון אונזער אקטועלע באקאנטמאכונג ביי אלע אונזערע קליניקס. די דאטום אין קראפט (ווען די באקאנטמאכונג האט אנגעהויבן געניצט צו ווערן) וועט צוגעצייכנט ווערן אויבן אין די צענטער פון די ערשטע בלאט און אויף די אונטערשטע-רעכטע ווינקל פון די לעצטע בלאט פון די באקאנטמאכונג. א קאפיע פון די אקטועלע באקאנטמאכונג וועט אויך צוגעשטעלט ווערן פאר אייך יעדע מאל ווען עס ווערט געענדערט. איר קענט אויך פארלאנגען א קאפיע פון די באקאנטמאכונג אין יעדע צייט און זעהן די אקטועלע באקאנטמאכונג דורכן באזוכן **nyc.gov/health** און זוכן פאר "**HIPAA**".

**קלאגעס**

אויב גלויבט איר אז אייער פריוואטקייט איז פארלעצט געווארן, קענט איר שיקן א קלאגע אין שריפט צום סעקרעטער פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אָוו העלט ענד היומען סערוויסעס אדער צו די NYC העלט דעפארטמענט'ס טשיעף פרייוועסי אפיסער צו די אדרעסן אונטן. עס זענען נישטא קיינע קנסות פארן שיקן א קלאגע:

- שיקט אייער קלאגע דורך די אימעיל צו **PrivacyOfficer@health.nyc.gov**.
- שיקט אייער קלאגע דורך די פאסט צו:
  - NYC Department of Health and Mental Hygiene's Chief Privacy Officer at Gotham Center
    42-09 28th Street, 14th Floor, CN-30 Queens, NY 11101

## באקאנטמאכונג פון פריוואטקייט שריט אנערקענונג פון ערהאלטונג

דורכן אונטערשרייבן די בויגן מיט א דאטום טוה איך אנערקענען אז איך האב ערהאלטן א קאפיע פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע'ס באקאנטמאכונג פון פריוואטקייט שריט.

| נאמען פון פאציענט (ביטע שרייבט ארויס) | |
|---|---|
| אונטערשריפט פון פאציענט | דאטום |

אויב זענט איר א פערזענליכע פארטרעטער און איר פילט דאס אויס פארן פאציענט, שרייבט אייער נאמען אונטן.

| נאמען פון פערזענליכע פארטרעטער (ביטע שרייבט ארויס) | |
|---|---|
| אונטערשריפט פון פערזענליכע פארטרעטער | דאטום |

| נאר פאר אפיס באנוץ |
|---|
| □ פאציענט האט זיך אנטזאגט פון אונטערשרייבן<br>□ פאציענט האט נישט געקענט אונטערשרייבן<br><br>NYC העלט דעפארטמענט ארבייטער ר"ת פון נאמען: ________________<br>**דאטום:** ________________ |

אריגינעלע פאציענט רעקארד